Rok II. Żydowska Gazeta Robotnicza. Organ partyi socyalno-demokratycznej. Nr. 43.

די אדרעסע פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Jüdische Arbeiter Zeitung
Kraków,
Sławkowska 29.
טעלעפאן נומער 624
איינצעלנע נומער 8 העל.

# יודישע
# ארבייטער־צייטונג

ארגאן פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי.

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנעמענטס־פרייז:
יעהרליך: 4. קראנען.
האלביעהרליך: 2. קראנען.
פיערטעליעהרליך: 1. קראנע.

פרייז פון אנאנסען:
פיר יעדער שורה פעטיט אדער איהר פלאטץ 10 העללער.

Kraków, piątek 26 stycznia 1906. נומער 43. קראקוי, 26 יאנואר 1906.

## גענאסען, פערשפרייט די „יודישע ארבייטער צייטונג"!

## די אונטערשטע שורה.

ווען מיר האבען מיט עטליכע וואכען צוריק געשריעבען וועגען די ציוניסטישע נאציאנאלע קוריען, האבען מיר פארגעזאגט, אז זיי וועלען ניט געפינען קיין אבקלאנג ביים יודישען פאלק — סיי ביים פראלעטאריאט, סיי ביי דער בורזשואזיע. די לעטצטע דריי וואכען האבען עס פאלקאם בעשטעטיגט. מיר האבען שוין בעריכטען פון די ציוניסטישע פערזאמלונגען פון גאנץ גאליציען. דער סך הכל איז ניט נור פאר דער זעקסטער קוריע נור אויך פאר דער ציוניסטישער פארטיי זעהר א טרויעריגער. אין לעמבערג איז נאך קיין פערזאמלונג ניט אבגעהאלטען געווארען; אין קראקוי זענען געווען אויף דער פערזאמלונג צוויי סוחרים. אויף דער פראווינץ האט מען זיך מעהרסטענטהייל בעגנוגט מיט קלויבען חתימות אויף א דעפעשע צו גויטש'ען. די ארבייטער זענען איבעראל ארויסגעטרעטען געגען דער נייער רעליגיעזער קוריע; די יודישע בורזשואזיע איז מיט א קליינעם אויסנאהם געווען קאלט צו דער נייער ציוניסטישער גאולה אין... גלות. דאס איז א פאקט, וועלכען קיין ערענטליכער ציוניסט וועט ניט קענען אבלייקענען, מיר ווילען דא עס נור קורץ ערקלעהרען.

פאראלעם האט קיינער קיין צוטרוי ניט צו דער ציוניסטישער פארטיי. עס איז ניטא אין גאליציען קיין מעהר קאמפראמיטירטע פארטיי ווי די ציוניסטישע, ווייל זי האט ניט קיין רעאלען גרונד, ווייל זי רעפרעזענטירט ניט קיין קלאסען־אינטערעסען ווי צב. די נאציאנאליסטען פון די פאלאקען, רוטהענער און ז. וו. זי רעפרעזענטירט נור די אינטרעסען פון עטליכע נוטע שטעלען־דורשטיגע קאנציפיענטען און דאקטוירים. שוין דער פאקט, אז דאס האבען די ציוניסטען ארויסגעשטעלט די פארערונג פון די נאציאנאלע קוריען איז געווען גענוג, געלאסענע מענשען זאלען זיך אבריקען אן א זייט. פאר פיעל ורען, מעהר סטענטהייל בורזשואזיע, איז דאס געווען דער איינציגער בעווייז געגען די קוריען. די איינציגע, וועלכע תאבען בעטראכט די פראגע זאכליך, זענען די ארבייטער. נאך א גרינדליכע איבערלעגונג זענען די ארבייטער איבעראל געקומען צו דער איבערצייגונג, אז עס איז ניט פאר זיי. די זאכליכע ארגומענטען געגען דער נאציאנאלע קוריע זענען פאלגענדע:

די נאציאנאלע אווטאנאמיע איז פאר די אנדערע נאציאנען אין עסטרייך אן אידעאל ערשט אין דער צוקונפט, ווען די רעגירונג וועט זיין א דעמאקראטישע. איצט שטעלט עס קיין נאציאן נישט ארויס, ווייל די שטארקערע נאציאנען, די וואס דריקען, ווילען אויף דעם ניט איינשטעהען. די פערווירקליכונג פון דעם אידעאל זאל זיך אנפאנגען פון דער שוואכסטער נאציאן, פון דער אם מעהרסטען געדריקטער — איז זעהר אונגלויבליך.

צווייטענס, אונזערע העלפער זענען: די רוטהענישע אבגעארדנעטע און די וויענער אנטיסעמיטען. די לעטצטע דארפען מיר נישט חאראקטעריזירען. די ערשטע זענען אבער אויך ניט קיין קליינע אנטיסעמיטען. נאך נאר ניט לאנג האבען זיי צוזאמען מיט דעם גלח סטאיאלאווסקי, וועלכער איז אויך אן אנהענגער פון דער נאציאנאלער קוריע, געשטעלט אין לעמבערגער לאנדטאג אן אנטראג, מען זאל די יודען אין גאנצען גיט צולאזען אין געריכט און מען פאר יודען איינריכטען בעזינדערע וואגאנעס. שוין דער

פאקט אליין מוז יעדען אנפילען מיט אונטרויען צו זייער פאדערונג. און מיט רעכט, ווייל די נאציאנאלע קוריע איז אין אינטערעס פון די רוטהענער און בכלל אנטיסעמיטען. און אט ווארום! כל זמן די וואהלען זענען געמיינזאמע פאר קריסטען און יודען האבען די יודען א דעה דורך זייערע שטימען אין אלע פארטייען. פון די דעמאקראטישע פארטייען איז דאך שוין אבגערעדט. אבער זאגאר די קאנסערוואטיווע פארטייען, וועמעס פיהרער אין אנהענגער זענען קלעריקאלען און אנטיסעמיטען מיזען זיך רעכענען מיט די יודישע שטימען. מיר האבען געזעהען אין קראקוי אן אבמאך צווישען די קאנסערוואטיווען מיט דעם קהל; מיר האבען געזעהן גלחים וועלכע האבען געשטימט אויף דר. הארוויטצ'עק, ווייל דאס האט געהייסען דער אינטערעס פון זייער פארטיי. דער זעלבער אינטערעס האט געצווינגען די פארטיי צו וועהלען א יוד פאר א צווייטען וויצעפרעזידענט, חאטש די אנטיסעמיטען זענען אויף איהר דעריבער איש להבה. ווי נור אבער יודען וואלטען שטימען אין א בעזונדער נאציאנאלע קוריע, דאן האבען שוין די קריסטליכע פארטייען זיך מיט זיי ניט וואס צו רעכענען, דער אנטיסעמיטיזמוס וואלט דעריבער שוין ניט טרעפען אויף קיין שום שטערונגען אין די קאנסערוואטיווע ספערען און זאגאר אין די בורזשואזע דעמאקראטישע... דאס איז דער סוד ווארום די אנטיסעמיטען אגיטירען אזוי פאר די נאציאנאלע קוריע. זיי שטעהען נישט אין די פאר מאנראטען וואס די יודען וועלען בעקימען, זיי ווילען נור די יודען צוריק ארייגשטויסען אין די אמות פון יודישען קווארטעל — זיי ווילען בויען א נייע געטא. זעהט איהר, די זעלבע אנטיסעמיטישע צייטונגען זענען נעגנער פון א נאציאנאלער אויטאנאמיע פאר יודען. א נאציאנאלע קוריע האט אלע חסרונות פון א נאציאנאלער אויטאנאמיע און נאר קיין מעלות. פערדיענען קענען מיר גאר ניט: אונזערע עטליכע אבגעארדנעטע וועלען אין וויען גאר ניט קענען אויסטהון. פערליערען קענען מיר אלעס: דאס וואס מיר האבען נאך אזוא לאנגען קאמפף בעקומען.

נור דערהויפט איז, אז מיר דארפען אויף קיין איין מאמענט ניט פערגעסען דעם חלוק צווישען אונז און צווישען די אנדערע נאציאנען אין עסטרייך: מיר זענען עקאנאמיש אבהענגיג פון דער קריסטליכער ארטיגער בעפעלקערונג. די געמיינזאמע עקאנאמישע בעציהונגען קענען דעריבער רעגולירט ווערען נור אין א געמיינזאמען לאנדטאג און פארלאמענט, וועהרענד די אנדערע נאציאנען זענען אין זייער ריעזיגער מעהרהייט עקאנאמיש אונאבהענגיג. און עס איז שוין אן אלטער כלל, אז עקאנאמישע אבהענגיגקייט ברענגט מיט זיך אייך פאליטישע און זאגאר קולטורעלע אבהענגיגקייט. עס איז א טרויעריגע ערשיינונג, אבער עס איז א פאקט, מיט וועלכען מען מוז זיך רעכענען ווען מען וויל זיך נישט בענוגען מיט דעם פארוואורף, אז מען טרייבט דעמאגאגיע.

דאס זענען די אורזאכען ווארום די נאציאנאלע קוריען און די נאציאנאלע אווטאנאמיע האבען ביי אונז יודען ניט קיין גרונד ניט נור איצט נור אויך אין די צוקונפט.

מ. מיכלזאהן.

Proszę zawsze żądać **Wyrobu krajowego!**

**Munka oszczędzające, jędrne mydło**

**z „nosorożcem“ lub „kosą“**

z Pierwszej Galicyjskiej Parowej Fabryki **mydła i świec**

Szymona Munka w Żywcu

(Założonej w roku 1846) Próbki i cenniki darmo.

## Wydawnictwa Spółki nakładowej „Książka“.

***Blos Wilhelm.** Rewolucya Francuska. Z 2 rycinami. Dwa tomy. (Na cienkim papierze 2 tomy w jednym). Cena 12 koron.

***Feldman W.** O Rosyi. Cena 1 korona.

***Informator.** Stronnictwa polityczne w Królestwie Polskiem Cena 2 korony.

**Kalthoff Albert.** Światopogląd religijny. (Treść: Przedmowa. Wstęp. — Nieskończoność świata. — Zachowanie siły. — Teorya rozwoju. — Pochodzenie wiary w Boga. — Treść wiary w Boga. — Modlitwa. — Stary i nowy człowiek. — Wiara i wiedza. — Wiara i jednostka. — Wiara i życie. — Prawo dziedziczności. — Prawo przystosowania. — Idealizm. — Ideał i życie. — Ideał jednostki. — Ideał społeczny. — Ideał religijny. — Wspólnota religijna. — Kult religijny. — Biblia. — Nauka religii. — Religijne wychowanie młodzieży. — Symbole religijne. — Religia a klechy. — Rzut oka wstecz). Cena 3 korony 20 halerzy.

***Kasprowicz Jan.** Chrystus. Poemat społeczno-religijny. Cena 3 korony w oprawie.

***Mańkowski Mieczysław.** U stóp szubienicy. Urywek ze wspomnień więziennych „proletaryatczyka“. Cena 60 halerzy.

***Marks-Engels-Liebknecht.** Odbudowanie Polski. (Zbiór artykułów o kwestyi polskiej.) Cena 2 korony.

***Narkiewicz-Jodko i Szymon Dyksztajn.** Polski Socyalizm Utopijny na emigracyi. (Dwie rozprawy). Cena 1 kor. 20 hal.

**Orkan Władysław.** Herkules nowożytny i inne wesołe rzeczy. (Zbiór nowel). Cena 2 korony.

**Orkan Władysław.** Ofiara. Fragment w 3 aktach z 1846 r. Cena 1 korona 50 halerzy.

**Orkan Władysław.** Wina i Kara. Tragedya w 3-ech aktach. Cena 2 kor.

***Płochocki Leon.** Rosyjskie partye polityczne i ich stosunek do sprawy polskiej. (Treść: Przedmowa. — 1881 — 1903. Rosyjskie stronnictwa polityczne w przededniu wojny. — Stronnictwa rosyjskie wobec sprawy polskiej. — Dodatki). Cena 3 korony.

***Stepniak S.** Losy nihilisty. Romans. Z przedmową Jerzego Brandesa. Cena 6 koron.

**Verhaeren E.** Jutrznie. Dramat społeczny. Przekład Maryi Markowskiej. Cena 2 korony.

* * *

***Gierszyński Henryk dr.** Emigracya i Skarb narodowy. Cena 20 halerzy.

***Luśnia Michał.** Jak się narody rządzą? (Wydawnictwo Związku Postępowej Młodzieży Polskiej z funduszu imienia H. Bukowskiego). Cena 60 halerzy.

***Plechanow.** Anarchyzm i socyalizm. Cena 2 koron 60 hal.

***Rocznik Związku Postępowej Młodzieży Polskiej.** Rocznik I. 1905. Cena 1 korona.

**Rops F.** Porządek panuje w Warszawie. (Wspaniała heliograwura). Cena 7 koron 50 halerzy.

***Zmowa powszechna przeciw rządowi.** (Wydawnictwo Ludowego Koła Oświaty). Cena 30 hal.

Wydawnictwa, oznaczone gwiazdką (*) nabywać można również na specyalnym cienkim papierze).

**Do nabycia we wszystkich księgarniach.**

## Pod prasą i wkrótce wyjdą.

**Jaeckh G.** Historya Międzynarodowego Stowarzyszenia Robotników.

**Promus C.** Powstanie chrześciaństwa.

**Wasilewski Leon.** Rządy konstytucyjne w Zachodnie Europie i Ameryce.

**Verlangen Sie gratis**

und franko meinen grossen, reichillustrierten Hauptkatalog mit über 1000 Abbildungen aller Arten Nickel-, Silber- und Golduhren, Marke Roskopf, Hahn, Omega, Schaffhausen, Glashütte, sowie aller Gattungen solider Gold- und Silberwaren zu Oryginal-Fabrikspreisen



| | | |
|---|---|---|
| Nickel Remontoir-Uhr . . . . . . . | K | 3·— |
| System Roskopf Patent-Uhr . . . . | K | 4·— |
| System Roskopf, schwarz. Stahl Rem.-Uhr | K | 4·— |
| Schweizer Oryginal Syst. Roskopf Patent | K | 5·— |
| Goldin Remont.-Uhr „Luna“-Werk . . | K | 7·50 |
| Silber Remont.-Uhr „Gloria“-Werk . . | K | 7·60 |
| Silber Remont. Uhr Doppelmantel . . | K | 11·50 |
| Silber Panzerk. m. Springring 15 gr. schw. | K | 2·40 |
| Russisch Tula Nickel Zylinder Remont.-Uhr mit „Luna“-Werk . . . . . | K | 9·50 |

Kuckuckuhr K 8·50, Weckuhr K 2·90, Küchenuhr K 3·—, Schwarzwälder-Uhr K 2·—.

Für jede Uhr 3 Jahre schriftliche Garantie. — Kein Risiko! Umtausch gestattet oder Geld retour!

**Hanns Konrad**

**Erste Uhren-Fabrik in Brüx Nr. 315 (Böhmen).**

Do



**Ameryki!**

**jakoteż do innych zamorskich krajów przeprawia najtaniej** powszechnie znana firma

**B. Karlsberg, Hamburg**

Ferdinandstr. 15.

☛ **Nim kto szyfkartę kupi, niech porówna moje ceny z cenami agentów okrętowych.**

**Skład Piwa Karwinskiego**

Jego Eksc. hr. Larisch-Mönnich'a

Kraków, ul. Poselska 15 — Telefon 431

poleca P. T. Publiczności swoje wyśmienite piwa

jako specyalność

**PIWO ZDROWOTNE**

à la Kulmbachskie

**(Granabräu)**

**I PIWO CESARSKIE**

à la Pilzneńskie, beczkowe i butelkowe.

jako specyalność

**Wysyłka do domu. — O liczne zamówienia uprzejmie uprasza**

*Skład Piwa Karwińskiego*

Wydawca odpowiedzialny redaktor nacy Gross.

Z drukarni Józefa Fischera w Krakowie.

דערצעהלט ווי אויס דעם שלאף אז מען האט שוין נעגעבען דאס אלגעמיינע וואהלרעכט, און פאר וואס די יודען זאל אויך נישט טראכטען אצינד בשעת הכושר א חאפ צו טהון [א מיט שטיקעל פלייש. און פאר וואס די יודען זאלען זיך נישט זעצען צום געדעקטען טיש און מיט א גרויסע לעפעל העלפען די פון סאציאליסטישער זייטע איינגעבראקטע זופפע, דיזע אויס־לעפעלן. — זיין גאנצעס רעפעראט מיטטיינס נעזאגט האט פשוט געמאכט דעם לעבערליכסטען איינדרוק. דאס ווארט האט ערהאלטען גענאסע אסטער; ער האט דעם שטאנדפונקט דער סאציאליסטען צו די קוריען, קלארגעלעגט און מיט ערהאבענער שטימע האט ער געפרעגט. וואו ביזטו ד״ר ראזענהעק געוועזען אם 23־טען נאוו. ? אנשטאט מיט צו דעמאנסטרירען, אנשטאט צו סימפאטיזירען מיט דער מאסע, האסטו די מאסע דירעקט פראוואצירט, האסט אויף געפאדערט די קיפליטע די מאסע צו פראוואצירען, אנשטאט צו ווייזען אז דו ראלסט כלומרשט מיט דעם פאלק, האסטו דיך אלס פאלקספיינר ענטפופט, רייסט אויף דאס מויל און שרייבט מיט אונז יודישע קוריען, דו ד״ר ראזענהעק זיצט אין יודישען קולטוס, און וואס קען נאך מעהר יודיש זיין, אנשטאט זאלסט דארט טראכטען, דעם ארימאן, דעם ארבייטער ערד־לייכטערונגען פערשאפען שטעלסטו — די אפיציעלער פערטרעטער פונים יודענטום — דארט אנטרעגע מען זאל דאס מצה מעהל וואס דאס בענוצט גור דער קליינע, בעשטייערן. דאס מצה מעהל הייסטו בעשטייערן אבער די טייערע וויינען, מיט די גיטע אינדעקעס, דאס וואס „גנעהער“ נור פיר אייך רייכע, דאס לאזטו אינבעשטייערט; די ד״ר ראזענהעק. אנשטאט זאלסט טראכטען אין קולטוס אז דער קליינער זאל קיין קולטוס־שטייער צאהלען אדער ער זאל חאטש נעניג צאהלען, אנשטאט זאלסט דיך שטעלען אלס פאלקספערטרעטער שטעלסטו דיך אלס פאלקספערדע־טער, ביזט דער ערשטער נעווען וואס האסט געשטעלט אין קולטוס א אנטראג, אז די קליינע וואס צאהלען וועניג „סימפעל“ זאל מען העכער בע־מיסטען! דו האסט אויך די אייזערנע שטירען צו זאגען, מיר פערלאנגען א יודען קוריע? דו ד״ר ראזענהעק וואס ביי יעדער געלעגענהייט דעמאסקירט מען דיך אלס פאלקספיינד דו ווילסט דיך אויף שפיעלען אלס פאלקס־פריינד? דו ווילסט אונז דערצעהלען אז עס וועלען זיין יודישע אבגעארד־נעטע וועט יודען נוט זיין, וועלען יודישע אינטערעסען מיט פערטרע־טען ווערען. — יא און דו ביזט אפשר נישט קיין יודישער אבגעארדנעטער אין קולטוס, ווי אזוי פערטרעטסטו יודישע אינטערעסען??? ווען ד״ר שארר האט דא קאנדידירט נעגען זיינפעלד, ביזטו אויף געטרעטען און אגיטירט פאר דעם גיטען ר׳ זיינפעלד און אויסדריקליך נעגען דען סאציאליסט ד״ר שארר אגיטירט. ד״ר ראזענהעק פערגעפערט זיך אפילו, אז ער איז דאמאלס געוועזען א פערזענליכער גענגער שארס, נא פרעג איך: דורך דעם פערראטעט מאן זיין פאלק? איז דאס נישט פאלקס פעררעטעריי? אבער נאך מעהר! די ד״ר ראזענהעק, האסט דעם גענאסע ברעטלער ערקלערט, אז דו וועטס ניכער שטימען פאר דעם פאלנישען שלאכציין אלס אויף דעם סאציאל־דעמאקראט — דעם יוד — נא קען מען אזא מענשען ערנסט נעהמען? איז דאס מעהר ווי די שענדליכע ראליע מיינעם מאסקירטען שוישפיעלערס? — גענאסע אמטער האט צולעצט די גאנצע קולטוסקליקע אינטער איינער שארר־פען קריטען אונטער צאגען און זיי אלס פאלקספעררעטער געבראנדמארקט. — — די פערזאמלונג האט ערווארטעט ד״ר ר״ה וועט דעם גענאסע ענפערן, אבער גאר לא. אמטער האט איהם אזא לעקציאן ערטהיילט אז ער האט זיך שוין נישט נעזאגט דאס מויל צו עפענען — דער ציוניסטישער פארזיצענדע האט עפים פאר געלעזען, וואס קיינער האט בשום אופן נישט פערשטאנען, און האט ערקלעהרט די פערזאמלונג פיר נעשלאסען. אונזערע גענאסען האבען געזינגען דעם „משערוואנע שטאנדאר“, און זענען דאן רוהיג נאך הויזע געגאנ־גען. אזוי איז דער קאלאמעאר גרויסער טאג אפגעלאפען.

די ציוניסטליך בכלל און דער עהרעאבשנײדער ד״ר ר״ה בפרט וועלען די פערזאמלונג אויף לאנגע יאהרען געדענקען. זיי זענען אייסנעצוינען דאס פאלק צו עראבערן און האבען זיך איינע געוויסע נידערלאגע געהאלט.

ו. ל. ג.

# די רעוואלציאנערע בעוועגונג אין רוסלאנד און אין רוסיש־פוילען.

## דער 22-טער יאנואר אין רוסלאנד.

דער 22־טער יאנואר איז אין גאנץ רוסלאנד אריבער רוהיג. אין ווארשא און אין לאדז איז געווען א גענעראל־סטרייק. אין פעטערסבורג איז דאס אויך נישט נעווען. די רעאקציאן הערשט איצט אין גאנץ רוסלאנד אין איהר גאנצע מאכט און גרויזאמקייט. אין ווארשא שיעסט מען מחנות ווייז. פארגע וואך האט מען נעשאסען א פארטיי פון 11 מאן, 10 יודען און 1 פאלאק. די רעגירונגס צייטונג רופט זיי אנארכיסטען־קאמוניסטען וואהרשיינליך דערפאר, ווייל זיי האבען געהאט זעהר א שלעכטען שם, ווייל צווישען זיי זענען געווען פיעל געוועהנליכע באנדיטען. די צייטונג רעכענט אויס צעהן נעמען, מען זאגט אז דער עלפטער איז נעווען א זעכצעהניעהריגע יודישע מיידעל. אין לובלין האט מען געשאסען א 17־י עהריגען רעוואלוציאנער מארקאווסקי. אין ראדאם טהוט זיך דאס זעלבע. דארט איז זיך דאס מיליטער און זשאנדארמעריע נוקם פאר די פרייהייט, וועלכע אונזערע הברים האבען דארט נעניסען זייט דעם בעקאנטען צארישען מאניפעסט.

און די בורזשואזיע מאכט הכנות צו די וואהלען. ניט מען ווייס ווען, ניט מען ווייס אפילו צו עס וועלען גאר זיין וואהלען, אט, רוסישע וואהלען...

**Darmo i opłatnie** otrzyma każdy mój boga

illustrowany cennik

**Instrumentów muzycznych**

**oraz różnych zabawek**



**A. Scheuer, Kraków**

**ulica Grodzka L. 59/6.**

**Tajny memoryał kuratora warszawskiego Szwarca**

w sprawach szkolnych

Cena 1 kor. Cena 1 kor.

**Strejk polityczny w Królestwie Polskiem**

Cena 2 kor. Cena 2 kor.

Do nabycia we wszystkich księgarniach oraz administracyi „Naprzodu“ i „Przedświtu“ (Kraków, Grodzka 50). Zwracający się wprost do administracyi, nie ponoszą kosztów przesyłki.

**„טלית פאבריק“**

**שלמה פרייער טלית פאבריקאנט קאלאמעא**

קאמיאנקאגאססע 130.

פערקויפט די פיינסטע קוואליטאטען פון טליתים גדולים וקטנים אויך טיכעל אללער ארט צו זעהר בילליגען פרייזען. די ווארע ווירד פראמפט אונד צור בעסטען צופריעדענהייט עפעקטואירט. ווער גוטע ווארע ברויכט, דער ווענדעט זיך צור אביגע פירמא.

